Radom, dnia 11 Listopada 1932 r

ראדאָם, פרייטאָג י"ב חשון תרצ"ג

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikewska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:

אין פּילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין 60 "
" " " נאָכ'ן 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

AKUSZERKA

**E. Tenenbaum**

(młodsza)

**przeprowadziła się**

ŻEROMSKIEGO 25 (dawniej Lubelska)

parter III sień m. 21.

וויכטיג פאר פאפּיר = סוחרים

— פון ראדאָם און אומגעגענד! —

בּטקאַנטמאַכונג.

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט די פעראינטערעסירטע סוחרים
פון ראדאָם און אומגעגענד, אַז עס איז
געעפענט געוואָרען

אַ הורט פאַבּריק'ס = לאַגער פון פאַפּיר

א. ג.

*Fabryczne Składy Papieru*

**„PNIOWIEC"**

SP. Z O. O.

**WARSZAWA Długa 48**

SKŁAD w RADOMIU

*Żeromskiego 19 — tel. 11-20*

דער לאַגער איז פערזעהן מיט
א רײַכען סאָרטימענט פון פערשידענע פּאַפּירען
אלץ
צו פאבּריק'ס-פּרײַזען



Optyk Dyplomowany

# Z. WĘGIER

Absolwent Wyższej Szkoły Optycznej w Jenie

RADOM, ul. Żeromskiego 25

POLECA

Okulary i binokle

Wykonanie recept ściśle według przepisów P.P. Lekarzy

ZEISS PUNKTAL

Obsługa ściśle fachowa — Ceny b. przystępne

אכטונג! הויזווירטע אכטונג!

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט די ג. הויזווירטען
פון ראדאָם, אז ס'איז געעפענט געוואָרען

א ביורא פון הויז=אדמיניסטראציע

העלכע געפינט זיך איין — יאַציאַ מאַלטשעווסקאַ 8 (פריהער וואַרשאַווסקאַ)
אין קאַנטאָר פון נח פזשעדנאַוועק

◆◆ די טהעטיגקייט פון ביורא בעשטעהט ◆◆
◆◆ צווישען אנדערען אין פאָלגענדען: ◆◆

הויז - אַדמיניסטראציע

פיהרען די הויז-מעלדונקעס

דאָס ריכטיגע אויסמעסטען דעם אָבצאָהל

פאַר וואַסער פון די לאָקאַטאָרען אין

הסכם מיט די ענטשפרעכענדע

פאַרשריפטען

Biuro Administracji Domów „PE-TE"

w RADOMIU

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס

אונזער חבר און מיטגליעד יעקב שרעק און פרוי

צוליב'ן פלוצלינגען טוידט פון זייער ליבע טאָכטער

# ח ע ל ע

זאָלען זיי מעהר נישט וויסען פון קיין צער און געפונען א

טרייסט אין דער גליקליכער ערציהונג פון זייערע איבריגע קינדער.

שוסטער-צעך

בײַם יודישען האַנדווערקער-סלוב אין ראדאָם

KINO - DZWIĘKOWE

„CZARY"

OD PONIEDZIAŁKU 14 L. I DNI NASTĘPN.

**Kongres Tańczy**

אין די הויפט ראָלען

Liljan Harvey
Lil Dagower
Henry Garat

Kino „CORSO“ Radom

DZIŚ I DNI NASTĘPNYCH
w kinie „CORSO“
potężne arcydzieło doby obecnej p. t.

ZEMSTA NIETOPERZA

אין די הויפט־ראלען:
Anny Ondra i Iwan Petrowicz

Kino „CORSO“ Radom

הערליכע פילם־ראדאטקעס

איבערן פראגראם:

## צוליב מפטיר לאזט אפ דער מחותן דעם שידוך.

א היגער בחור לויט איבערצייגונג א סאציאליסט, האט געטוהן א פיינעם שידוך אין סקארזשיסק מיט א דארטי־גער פ־יילין.

געטוהן איז געטוהן: דער חתן־בחור איז אראפגעקומען אין שטעטל, וואו מ'האט איהם אויפגענומען מיט גרויס פאראד און זיך געסטארעט איהם צו פערשאפען וואס מעהר נחת־רוח.

אז ס'איז געקומען פרייטאג, האט דער מחיתן בעשלאסען צו וויזען שבת פאר'ן שטעטל, וואס פאר א פיינע זאך א חתן ער האט נעקריגען פאר זיין טאכטער, און ער האט זיין צו־קונפטיגען איידעם אנגעזאגט, אז אויף מארגען שבת אינדערפרי בעת מ'וועט איהם אין שוהל אויפרופען און מכבד זיין מיט דער פעטער עליה מפטיר, זאל ער זיך שטעלען פיין און מנדב זיין עטליכע דאלאר, פערשטייט זיך אויפ'ן שווער'ס חשבון.

דערהערט אזא מין פארשלאג, האט דער חתן־בחור אויסגעלאצט א פאר אויגען אויפ'ן מחותן, ווי יענער וואלט צו איהם גערעדען טערקיש.

ס'טייטשט, ווי קען ער, א סאציא־ליסט עולה לתורה זיין און פערגוואל־דיגען זיין סאציאליסטישען געוויסען? ס'וועט דאך איהם זיין א חרפה און א בושה פאר די פארטיי חברים.

איז דער מחותן אריין אין אזא גרימצארען, אז ער האט אפגעלאזען דעם שידוך.

איצט האבען זיך אריינגעלעגט אין ענין די קרובים פון ביידע צדדים און מ'וועהט צו דערפיהרען צו א קאמ־פראמיס צווישען סאציאליזם און מפטיר.

## געוו. דיר. ווייסמאן פון פאוושעכנע באנק אינגאנצען פרייגעשפראכען

מיט איינגע מאנאטען צוריק איז דער געוו. דיר. פון דער היגער באנק פאוושעכני, ווייסמאן, פער'משפט געווא־רען דורכ'ן ראדאמער קרייז־געריכט, אויף 8 חדשים.

ה' ווייסמאן האט דאן אפעלירט און די טעג איז דער פראצעס נאך אמאהל בעטראכט געווארען אין לובלינער אפע־לאציאנס־געריכט, וואו ה' ווייסמאן איז אינגאנצען פרייגעשפראכען געווארען.

דעם ה' ווייסמאן האבען פערטיידיגט די אנגעזעהענסטע יודישע אדוואקאטען אין ליבלין לעווינזאהן און גאלדבערג.

## א גוטער סוף, וועלכער איז געווען צו ערווארטען

דער אין זיינער צייט בעקאנטער בויקאט־פסקול אויף דער פירמע „שיכט־לעווער“ און איבערהויפט די פארוואור־פען וואס זענען געמאכט געווארען דער דערמאנטער פירמע פון פעראיין פון האנדעלס און ביורא־אנגעשטעלטע אין פוילען האט געהאט זיין עפילאג אין שטאדטישען געריכט אין ערשטען ראַ־יאן אין ווארשא, דעם 23 ווזשעשיען.

אויף דעם טאג איז געווארען בעשטימט דאס בעטראכטען דעם פראצעס, לויט דער אריינגעטראגענער אנקלאגע דורך דער פירמע שיכט און פערזענליך דורך שיכט'ן אליין.

די בעשולדיגטע האבען בייגעלייגט צום געריכט'ס פראטאקאל א דעקלע־ראציע, וואו זיי ערקלערען, אז זיי זע־נען אריינגעפיהרט געווארען אין א טעות דורך דריטע פערזאנען און זיי ציהען אלזא צוריק אלע פארוואור־פען אויפ'ן אדרעס פון דער פירמע שיכט, ווי אויך וואס שייך שיכט'ן פערזענליך. זיי, ד"ה, די ביורא און האנדעלס אנגעשטעלטע דריקען אויס בעדויערונג צוליעב די ארויסגעקומענע מיספערשטענדנישען.

מיר זענען שטענדיג געווען אין דער מיינונג, אז די פארוואורפען אויף דער פירמע „שיכט־לעווער“ זענען אונבע־גרינדעט און זיי בע־טוולה'ען נאר די די פירמע, וועלכע איז אן אנגעזעהענע פלאצבקע אין דער פעטס־פראדוקציע אין פוילען.

די בויקאט אקציע האט נישט געפונען קיין אפקלאנג אין דער פוילישער פרע־סע און אלע בעמיהונגען פון די בוי־קאט אגיטאטארען האט די פרעסע נישט גענומען ערנסט און האט נישט געגעבען קיין ארט פאר די גרונדלאזע פאר־ווארפען.

4

## קינא „אפאללא“: „ד"ר דזעקיל און מר. הייד“

### הויפט ראלען: פרעדריך מארש, מיריאם האפקינס, ראזע האבערט, רעזשי: מאמוליאן.

דער אינהאלט פון פילם איז קורץ: ד"ר דזיעקיל, א פס־כאלאג און כעמי־קער, פערנעמט זיך מיט פארשען די מענשליכע נשמה. האלטענדיג אז דאס שלעכטע אינם מענש קאן מען אויסרא־טען דורך פולשטענדיגען אבטיילען עס פונם גוטען, פירט ער אויס אזא עקס־פערימענט איבער זיך. דורך כעמישע מיטלען טיילט ער אויס דאס שלעכטע פון זיך, וואס פארקערפערט זיך אין געשטאלט פון מר. הייד. ווען ער לייזט אויפ'ן ערגסטישען געביט, ראט איהם זיין דינער, אז ער זאל זיך צערשטריי־ען. דזעקיל בילדעט אויס פון זיך דעם הייד און פיהרט א דאפעלט לעבען. אין רער תיים אלס דזעקיל, אין דרויסען אלס הייד.

אלס הייד איז ער דיספאט, וואס טי־ראניזירט די סביבה און זיין צופעלינע געליבטע און צום סוף ערמארדעט ער זי.

ביסלעכווייז קריגט הייד א שטארקע ווירקונג אויף דזיעקלין אזוי, אז דער הייר שאפט זיך צייטענווייז גאנץ אוי־טאמאטיש, און כדי צוריק צוצעקומען זיין דיכטיגע געשטאלט, מוז דזעקיל אנ־ווענדען קינסטליכע כעמישע מיטלען. און צום סוף, ווען אלץ וויקעלט זיך אויס צום ג'נסטיגען פון דזיעקיל, און ווען ער בעקומט די הסכמה פון זיין געליבטערס פאטער, יוערט פון דזעקיל'ן פלוצלינג א מר. הייד, וואס פאלט אן אויף דער געליבטערס הויז, דערמארדעט איר פאטער. און מאכט דארט א חורבן. און צום סוף פאלט ער פון די קוילען פון דער פאליציי.

א געמיש פון כעמיע, פאנטאזיע און א לא פסיכא אנאליז. דער פסיכאאנאליז פרוווט דעם קראנקען באוואוסטזיניג אויפמערקזאם צו מאכען אויף זיינע ערגסטישע איבערלעבענישען, וואס זע־נען פארדרענגט געווען אין דעם אונ־טער־בעוואוסטזיין. דזעקיל וויל אויך דורך באוואוסטזיניגע מיטלען פון דעם מענש אויף די שיין ארויסברענגען זיינע שלעכטע אינסטינקטען, כדי צו־לייטערן די גוטע און איידעלע גורמים אין זיין פסיכיק. ווי דער פסיכא אנאליז וויל היילען דעם קראנקען דורך בא־קענען מיט די שעדליכע איינבילדונגען און זייער געגענזע, אזוי וויל דזיעקיל באפרייען די פערדרענגטע אינסטינקטען און לאזען זיי זיך אויסלעבען, כדי אזוי צו בעפרייען די נשמה פונם שלעכטען.

די מעטאדע באשטייט אבער נישט אין דעם פס־כאלאגישען אנאליז און אויטא־סוגעסטיע, נאר אין כעמישען אויסביל־דען פון צוויי אינדיווידואומס. וואס אונטערשיידען זיך אויך פיזיש. דער טייוולאנישער הייד איז פיזיש עקעלדיג. העסליך, א פולשטענדיגער היפך פון ד"ר דזעקיל: אזוי איז סימבאליש־פלאסטיש פארגעשטעלט דער קאנטראסט צווישען גוטס און שלעכטס.

דער געמיש פון פאנטאזיע און ווירק־ליכקייט בילדעט דעם דעמאנישען כא־ראקטער פון פילם. דער פילם עמאנצ־יאנירט דעם גלייכגילטיגסטען צושויער דאס געשטאלט פון מר. הייד ווערט א מין אונבערעכענטער טייוועל און די מעכטיגע קראפט, וואס הייד בעקומט איבער דזעקיל'ן לאזט אונז אין א כסדר־דיגע אונזיכערהייט בנוגע דזיעקיל'ס גורל. „פון די גייסטער וועלכע כ'האב ארויסגערופען, וועל איך זיך שוין נישט בעפרייען“ — זאגט געטהע און דאס זעלבע בעציט זיך אויף דזעקיל'ן

Kino Apollo — Kino Apollo

WYŚWIETLA

wstrząsające przeżycia prof. uuiwerst. w Londynie, który chcąc wypróbować swój genjalny wynalazek o dwu jaźniach duszy ludzkiej (zło i dobro) pada ofiarą nauki i traci miłość ukochanej, szacunek ludzki i własne życie; oto frapująca treść superfilmu p. t.

Dr. JEKYLL i Mr. HYDE

w następnym programie **Człowiek Małpa** największy film świata

# סענסאַציאָנעלער פּראָצעס אין היגן קרייז-געריכט.

## געשטעלט „כיבוד"-ווייַן מיט סם לכבוד דעם מאַן פון זיין געליבטע און איהם משלח געווען אויף יענע וועלט. —פאַר קאָנקורירען מיט דעם מלאך המות בעקומען 10 יאָהר תפיסה.

במשך פון עטליכע טעג איז אין ראַדאָמער קרייז געריכט פאָרגעקומען א פּראָצעס געגען דעם 38 יעהריגען זיגמונט פלעבאַנטשיק, געוועזענער שול אינספּעקטער אין אָפּט, פאַר פער'סמ'ען דעם עלטסטען פּושאַדאָווניק און סעקרעטאר אין אָפּטער פּאָליציי-קאָמענדע יוזעף סנאָפּקעוויטש.

די געשיכטע איז פאָלגענדע: אין שול אינספּעקטאָריאַט אין אָפּט, וואו פלעבאַנטשיק האָט פאַרנומען דעם אינספּעקטאָר-פּאָסטען, איז געוועזען בעשעפטיגט די פרוי פון ערמאָרדעטען סנאָפּקעוויטש אלס קאַנצעלאַריסטין, מיט וועלכער דער בעשולדיגטער האָט אָנגעקניפּט ליבע בעציהונגען.

צו רעאליזירען די ליבע-געפיהלען איז געוועזען א שטערונג דער מאַן פון דער סנאָפּקעוויטש'ן, וועלכער האָט זיין פרוי זעהר געליבט און וואָלט נישט בּיי קיין פאַל בעפרייט זיין ווייב פאַר זיין ריוואַל.

דער בעשולדיגטער פלעבאַנטשיק האָט זיך בעמיהט אָנצוקניפּען פריינדשאַפט'ס בעציהונגען מיט סנאָפּקעוויטש'ן. אין א געוויסען אָוועגד, נעמליך אין 13 ליפּיעץ האָט ער דעם לעצטען פערבעטען צו זיך אין וואוינונג. אין זעלבען אָוועגד אין די שפּעטע שעה'ן האָט זיך אויף דער קילינסקי גאַס אין אָפּט געלאָזט הערען עטליכע רעוואָלווער שאָסען, און הילפ'ס רופען. די אָנקומענדע האָבען בעמערקט ליגען אין גאַס אין קראַמפּהאַפטע יסורים דעם עלטסטען פּושאַדאָווניק סנאָפּקעוויטש. וועלכער האָט דערציילט, אז דאָס האָט איהם פער'סמט דער אינספּעקטאָר פלעבאַנטשיק מיט א ווייסען פּראָשעק אויף שלאָפלאָזיגקייט און שולדיג איז אין דעם זיין אייגען ווייב. אין א פּאָר מינוט אַרום איז סנאָפּקעוויטש געשטאָרבען.

פּאָליציי אָנקומענדיג צו פלעבאַנטשיק אין שטוב האָט געטראָפען דעם זעלבען ליגען אין א בעוואוסטלאָזען צושטאַנד אויך א פער'סמטען. נאָך א געוויסער צייט קוראַציע איז פלעבאַנטשיק געזונד געוואָרען און לויט די מיינונגען פון די דאָקטוירים איז די פערסמונג געקומען פון באַניצען א גרעסערע דאָזע אויף שלאָפלאָזיגקייט, וואהרשיינליך וועראָנאַל. דאַגעגען די דורכגעפיהרטע עקספּערטיזע אין מאָגען ביים טויטען סנאָפּקעוויטש האָט פעסטגעשטעלט, אז דער איז פער'סמט געוואָרען מיט סטריכנין.

דאָס אַלץ האָט געגעבען א קלאָרען בּעווייז געגען דעם קאַטעגאָרישען ערקלערען פון אינספּעקטאָר פלעבאַנטשיק אז גראָדע דער פערשטאָרבענער סנאָפּקעוויטש האָט איהם געוואָלט געבען דעם זעלבען פּראָשעק. נור ער האָט נישט געוואָלט פון דעם פערזוכטן, און אז פלעבאַנטשיק האָט דעם מאָרד אויסגעפיהרט און צוליב דעם איז ער אַרעסטירט געוואָרען.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון ריכטער וואַלעווסקי. פערטיידינט האָבען די אַדוואָקאַטען עטינגער פון וואַרשע און דזשיטאָוויעצקי פון ראַדאָם.

דער בעשולדיגטער, זעהר עלעגאַנט געקליידעט נישט אַרויסווייזענדיג קיין שום אייפערגונג איבער דער גאַנצער צייט פון פּראָצעס, האָט יעדע בעשולדיגונג פון זיך אָבגעוואָרפען

במשך פון די פּאָר טעג פון דער געריכטס-פעראַהאַנדלונג זענען אויסגעהערט געוואָרן א רייהע עדות, צווישען אַנדערע אויך די פרוי פון פער'סמטען בּיי פעראַכטע טירען, וועלכע איז אויך אַרויסגעטרעטען מיט א ציוויל חביעה.

מיטוואָך א זייגער צוויי מיטאָג האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגען דעם אורטייל און פער'משפּט פלעבאַנטשיקן אויף צעהן יאָהר' שווערע תפיסה און אויך צו פערלירען די בירגערליכע און עהרען-רעכט אויף צעהן יאָהר; דאַגעגען די ציוויל תביעה מצד דער פרוי איז אָבגעוואָרפען געוואָרען.

דעם אורטייל האָט דער בעשולדיגטער אויפגענומען רוהיג און געמאָלדען אז ער טראָגט אַריין א אַפּעלאַציע.

---

דער בעפרייטער הייד וואַרט אויף א מינדעסטע געלעגענהייט, וויזועלע אסאציאַציע, בכדי זיך אַרויסצושיילען פון דזיעקיל'ן. און צום סוף פאַלט דער גוטער דזיעקיל.

די ראָל פון דזיעקיל און הייד פיהרט אויס דער דעביוטירענדער פרעדריך מאַרש. דעם העכסט אינטעליגענטען און אינטערעסאַנטען אַרטיסט שטייט פאַר א קינסטלערישע צוקונפט מאַרש דערמאָנט און ווייזט'ען מיט דעם פּנים און גרימאַסען שפּיל, לאָן שאַנעי'ן ווידער מיט דער מאַסקע און מיט דער רירעוודיקייט פון פיגור. פּנים און אויגן מיריאַם האָלקינס דערמאָנט שווער און איהר בילד פון „פרעהליכען פּאָרוטשניק," אַלענפאַלס דערקענט מען א שטאַרקע פערבעסערונג אינם אויסערליכען אויסזעהן. דאָזע האָבערט — נישט שלעכט, אָבער גאַנץ שאַבּלאָנמעסיג.

דער רעזשיסער מאַמוליאַן האָט דאָ געוויזען זיינע נעגעל. נאָך זיינע „גרויסשטעטישע גאַסען" אין נאָך אַלע טעכנישע טריקען אין די לעצטע קלאַנגפילמען האָט ער נאָך בעוויזען צו איבּעררעשען טעכניש, איבּערהויפּט מיט די דאָפּעל-סצענעס, וואָס זענען אָבגעטיילט דורך א פאַרנעבעלטען שאָטען. די סינכראָניזאַציע זעהר פּאַסיג. דאָס בילד פאַרכאַפּט און ווירקט קאָלאָסאַל. עס איז א שטאַרק אַרטיסטיש-איבּערלעבעניש. x

# פון יודישען שניידער-מייסטער-צעך אין ראַדאָם.

(קאָמוני'קאַט.)

דער צעך פון יודישען שניידער-מייסטער אויף זשעראָמסקי 30 אַרבּייט זעהר אינטענסיוו אויפ'ן געביט פון אָרגאַניזירען זיינע מיטגלידער וועלכע נעהערן צום נאָדעל-פאַך. אין צעך גרופּירען זיך פערשידענע סעקציעס וואָס בעלאַנגען צו דער דאָזיגער בראַנזשע.

אין שניידער-צעך קומען זיך אָפּט בּונויף די מיטגלידער און ס'ווערט בּעהאַנדעלט פערשידענע וויכטיגע אַקטועלע פראַגען, וואָס זענען נוגע דעם יודישען בעל-מלאכה, דעם שניידער, און בכלל יעדען, וואָס איז זיך מפרנס פון דער נאָדעל.

די לעצטע טעג האָבען אַ סך יודישע שניידערס פּשוט אַלאַרמירט דעם צעך, אז סעקוועסטראַטאָרען נעמען בּיי זיי צו אין די וואַרשטאַטען די נאָך נישט אויסגעפערטיגטע מלבושים פאַר פערלעגענע שטייערען. דער דאָזיגער אופן פון אויספיהרען עקזעקוציעס רואינירט זיי גענצליך, ווייל נישט האָבענדיג פּשוט אויף „ווילאָנטשעגיעס", פערלירען זיי די מעגליכקייט אָנצונעמען אַ שטיקעל אַרבּייט. בּיי איינעם אַ געוויסען שניידער מילגראָם האָט מען פערנומען גישט אויסגעאַרבּייטע סחורה, מאָנענדיג בּיי איהם 500 זל. פאַר פערלעגע-

# !איף הערבסט סלאטעס

5.-



№ 19-26 Art. 2861-01

גאנצען גומינע קינדער שניעגאייצעס
איף די גרעסטע סלאַטע נומ. 34 — 27
7 זלאָטעס.

6.-



Art. 9807-61

מענער קאלאָשען מיט א צינגעל און
אָהן א צינגעל אין די גרעסטע בלאָטע
וועט איהר דערהאַלטען טריקענע שיך.

7·90



Art. 1835

גרינג גומענע דאמען ר.גענשיך אין
בראַנזאָנעם קאָליר, צו פערקנעפלען
אויף א קנעפעלע.

**Bata**

אינלענדישע אויסארבייטונגען

J46p

*Pzzekazy Pieniężne*

**I POSYŁKI DO Z. S. R. R.**

Przedstawicielstwo Handlowe Z. S. R. R. podaje do wiadomości że przekazy pieniężne na „Torgsin" przyjmują banki: Gospodarstwa Krajowego, Powszechny Kredytowy, Zachodni-Udziałowy. Przesyłkami żywnościowemi zajmują się: B-cia Pakulscy Bracka 22, B-cia Hirszfeld Bielańska 5, w Warszawie, Diszkin Piotrkowska 8 w Łodzi i J. Abramski, Piaskowa 9 w Grodnie. Przesyłkami odzieżowemi B-cia Jabłkowscy Bracka 25 w Warszawie, Mickiewicza 18, w Wilnie, „Konsum" przy Widzewskiej Manufakturze Rokicińska 54 s Łodzi, Wszelkich informacji po otrzymaniu znaczka pocztowego udzi la Przedstawicielstwo Handlowe Z. S. R. R. Warszawa, Koszykowa tel. 9-06-66

לייענט
און
פערשפרייט
דאס „ראדאמער
קעלצער
לעבען"

Dyplomowany Buchalter Bilansista

**z 10-cio letnią samodzielną praktyką bankową**

*oraz RÓZNYCH BRANŻ*

**ma wolne godziny.**

**Wymaganie skromne**

Wiadomość na miejscu ul. 1 Maja №22 HOLCKENER

Biuro próśb „EXPRESS"

*poszukuje panny piszącej na maszynie*

**na praktykę**

**oferty składać**

do biura próśb „EXPRESS" Żeromskiego № 9.

— א שיין איינגעאָרדנעט —

# איבערצוגעבן גאלאנטעריע - געשעפט

וואָס עגזיסטירט שוין 25 יאָהר אין סאמע צענטער שטאָדט

**זשעראָמסקי № 1 פראָנט ערשטער שטאָק**

דאָס געשעפט האָט א איינגעפיהרטע קריסטליכע און יודישע קליענטעלע.

צו ערקינדיגען זיך אויפ'ן אָרט.

מיט אכטונג'ספול

פירמע גינצבערג.



די נייעסטע און שענסטע

# „טאפעטען"

אויף צימער-טאפעטירונג

בעדייטענד ביליג

פער-קויפט **ש. שטיינמאַי**

ראדאם, לובלינער № 21

בימע זיך צו ערקינדיגען

נע שנייערען. בכלל איז כמעט נ שטאָ דער טאָג וואָס שנייערס זאלען זיך נישט ווענדען צום פרעזעס משה רובינשטיין ער זאל געהן פאר זיי איינטערווענירען אין שטייער - אמט. דער פרעזעס פון שניידער-צעך ה' משה רובינשטיין אין שטענדיג גרייט צוטוהן פאר זיינע מיטגלידער וואָס ער קען און עד איצ ערוועגירט אויף יעדען דוף.

אויפ'ן אליארם פון די יודישע שנייערס, אז מען נימט ביי זיי צו די נשט אויסגעפערטיקטע קליידער-סחורה, איז ה' רובינשטיין אוועק צום נאטשעלניק פון שטייער אמט ה' מאנטשינסקי און מיט איהם אפגעהאלטען א לענגערע קאָנפערענץ. ער האָט פארגעשטעלט די טרויעריגע לאגע וואס ווערט געשאפען צוליב דעם דאזיגען עקזעקוציע סיסטעם. די אינטערווענץ פון פרעזעס משה רובינשטיין האָט געהאַט ערפאלג און זיין אויסקלערונג האָט אנגעטראָפען אויף דער פארשטענדניש פון נאטשעלניק מאנטשינסקי, וועלכער האָט צוגעזאגט צו פערלייכטערען דאס שטרענגע איינמאהנען ביי די אונפערמעגליכע מיטגלידער פון צעך.




# אכטונג!

עס ווערען איף ס'ניי געעפענט זונטאג דעם 13 ד. ח. די

באפולערע בעוויסטע **העברעאישע אווענד-קורסען**

פון פראָפ. ל. מילמאן

פאר דערוואקסענע, ווי אויך פאר שילער און שילערינס פון מיטעל-שולען.

א נפאָרמאציעס טיילט מיט די קאנצעלאריע פון די קורסען, קילינסקי 19 פון 8 – 10.

# אלע יודען

זאָלען וויכען אז

# דאכאדאיווע אדוואלאניטס

מיר ביטעס

אויך

אין אלע רעגירונגס און קאָמונאלע אמט; שרייבט זאכליך, פאכמעניש און ביליגסטען

דאָס ביטעס ביורא

**„UNITAS**

*RADOM, Żeromskiego 34* (w podwórzu)



# ODCISKI

zgrubiała skórę i brodawki usuwa bez bólu i bezpowrotnie znany od ½ wieku

# KLAWIOL

FABRYKA CHEM.-FARMACEUTYCZNA „AP. KOWALSKI" WARSZAWA

Redaktor i Wydawca CH. M HERC

Administracja, Radomer-Kielcer-Leben Radom Szwarlikowska 20